# פרשת אמור י"א – י"ז אייר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ו סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בפרקי אבות בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע אין די פרשה איז געשטאנען, אז נדב און אביהוא זענען נסתלק געווארן, אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו (ויקרא טז-א). עס שטייט ביי מתן תורה (שמות כד-א), ואל משה אמר עלה אל ה', דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו קום ארויף אויפן בארג, אתה ואהרן נדב ואביהוא ושבעים מזקני ישראל. אויפן בארג זענען ארויפגעגאנגען משה און אהרן מיט זיינע צוויי קינדער נדב ואביהוא, און די שבעים זקנים. אהרן האט דאך געהאט פיר קינדער, נדב ואביהוא און אלעזר מיט איתמר, פארוואס זענען אלעזר מיט איתמר אויך נישט מיטגעגאנגען צוזאמען מיט נדב ואביהוא און די שבעים זקנים.

**וועט** מען ווען ענטפערן, אז אלעזר מיט איתמר זענען נישט געווען אזוי חשוב ווי נדב ואביהוא מיט די שבעים זקנים, און וועגן דעם זענען זיי נישט געווען כדאי אז זיי זאלן ארויפגיין אויפן בארג. עס איז אבער נישט אזוי, ווייל עס שטייט אין די גמרא (עירובין נד:), אז ווען משה רבינו האט געלערנט די תורה מיט יודן, האט ער עס קודם געלערנט מיט אהרן, און נאכדעם האט ער עס געלערנט מיט די פיר קינדער, נדב ואביהוא אלעזר ואיתמר, און נאכדעם מיט די זקנים, און נאכדעם האט ער געלערנט מיט כלל ישראל. און נאכדעם האט אהרן איבערגעלערנט די תורה מיט יעדן, און נאכדעם האבן די בני אהרן, נדב ואביהוא אלעזר מיט איתמר, געלערנט די תורה מיט די זקנים און מיט כלל ישראל. איז דאך דער טייטש אז זיי זענען נאך געווען אזוי גרויס ווי די זקנים, זיי זענען געווען די רבי'ס פון די זקנים. ווי אזוי קען זיין, אז מען האט נאר ארויפגענומען אויפן בארג נדב ואביהוא, און נישט אלעזר מיט איתמר.

**די** קשיא פרעגט דער **רא"ש** און דער **טור על התורה**, און זיי זאגן א דבר נפלא. עס שטייט נאכדעם אין פסוק (שם כד-י) ויראו את אלקי ישראל, נדב ואביהוא מיט די זקנים האבן געקוקט כביכול אויפן אייבערשטען, נסתכלו והציצו ונתחייבו מיתה (רש"י שם), זיי האבן געקוקט אויף א זאך וואס זיי האבן נישט געדארפט קוקן, און זיי זענען נענש געווארן דערויף, דער אייבערשטער האט זיי אלע געוואלט הרג'ענען תיכף, אבער דער באשעפער האט נישט געוואלט מבטל זיין די שמחה פון מתן תורה, האט ער עס אפגעשטופט. נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, און די שבעים זקנים זענען נסתלק געווארן ביי די פרשה פון די מתאוננים. ואל אצילי בני ישראל לא שלח את ידו, ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו (שם כד-יא), אבער שפעטער האט מען זיי באשטראפט.

**ווער** איז געבליבן לעבן פון דעם? משה מיט אהרן, ווייל זיי האבן נישט געקוקט וואו מען דארף נישט. ביי משה רבינו געפונט מען, אז נאך ביים סנה, שטייט אין פסוק (שמות ג-ו) ויסתר משה פניו, ווען דער אייבערשטער האט זיך באוויזן האט ער זיך באהאלטן די פנים, כי ירא מהביט אל האלקים, משה רבינו האט זיך געהיטן. און די גמרא (ברכות ז.) זאגט, אז ווייל ער האט זיך באהאלטן, וועגן דעם האט ער זוכה געווען שפעטער אז קרן עור פניו (שמות לד-כט). אהרן איז אויך נישט נענש געווארן דעמאלטס, ווייל אהרן איז געווען שקול כמשה (שהש"ר ד-ה), און פון יראת אלקים האט ער אויך נישט געקוקט. אבער נדב ואביהוא מיט די שבעים זקנים זענען נישט געווען אין די מדריגה, און אז זיי האבן געהאט א געלעגענהייט, ויראו את אלקי ישראל, האבן זיי געקוקט.

**זאגט** דער **רא"ש** און דער **טור**, דער אייבערשטער איז דאך המגיד מראשית אחרית (ישעיה מו-י), דער אייבערשטער האט געוואוסט וואס עס גייט זיך דא אויסלאזן, אז נדב ואביהוא מיט די שבעים זקנים וועלן קוקן וואו מען דארף נישט, און זיי וועלן נסתלק ווערן. אויב דער אייבערשטער וואלט

ארויפגעלאזט דעמאלטס אלעזר מיט איתמר, און זיי וואלטן אויך געקוקט, וואלט דאך אויסגעקומען אז דער באשעפער וואלט צוגענומען אלע קינדער פון אהרן, און עס וואלט נישט געבליבן פון זרע אהרן. האט דער אייבערשטער רחמנות געהאט אויף אהרן, אז עס זאל איבערבלייבן פון אים אלעזר מיט איתמר, האט ער מעיקרא ביי מתן תורה נישט ארויפגערופן אלעזר מיט איתמר, און נאר נדב ואביהוא זענען ארויפגעגאנגען, כדי אז אלעזר מיט איתמר זאלן בלייבן לעבן.

**איך** האב אמאל געהערט, אז עס ליגט דערין א געוואלדיגער מוסר השכל. עס איז זיכער, אז ווען מען איז געשטאנען ביים בארג סיני, און משה רבינו קומט, און ער זאגט, אהרן קום ארויף, נדב ואביהוא קומטס ארויף, שבעים זקנים קומטס ארויף, און אלעזר מיט איתמר האט ער געלאזט שטיין דארט אונטן, וואס פאר א ווייטאג דאס איז געווען פאר אלעזר מיט איתמר. זיי זענען נאך אזוי חשוב ווי די שבעים זקנים, זיי האבן אויך געוואלט האבן די געוואלדיגע השגות וואס מען קען האבן ווען מען גייט ארויף אויפן בארג. און מען לאזט זיי אונטן, און מען רופט זיי נישט ארויף צוזאמען מיט זייערע ברודערס. און עס האט ווי געטון פאר אהרן, ער האט אזעלכע צוויי חשובע קינדער, און זיי קומען נישט ארויף. אבער וואס קען ער טון, אז מען האט זיי נישט ארויפגערופן זענען זיי נישט ארויפגעקומען.

**ווען** עס איז אבער אדורכגעגאנגען א יאר, און נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, און די שבעים זקנים זענען נסתלק געווארן, דעמאלטס האט מען ערשט געזען די טובה וואס דער רבונו של עולם האט געטון, אז אלעזר מיט איתמר האט ער נישט ארויפגערופן אויפן בארג, ווייל אויב יא וואלטן אלעזר מיט איתמר אויך נסתלק געווארן, און אזוי זענען זיי געבליבן לעבן, און זיי האבן געטון די עבודה שפעטער, און די גאנצע כהונה וואס איז פון אהרן, איז ארויסגעקומען פון זיי.

**עס** איז א מוסר השכל, **א מענטש ערגערט זיך אסאך מאל אויף א זאך, פארוואס דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן דאס וואס יענער האט, אמאל איז עס אין גשמיות און אמאל איז עס אין רוחניות. איך בין אויך אזוי חשוב ווי יענער, איך בין אויך אזוי ערליך ווי יענער, פאר יענעם גיט עס דער אייבערשטער, און פאר אים גיט ער עס נישט, און מען איז זיך מצער. מיר קענען נישט די חשבונות פונעם רבונו של עולם.** דער אייבערשטער האט צוגענומען פון אלעזר מיט איתמר אזא געוואלדיגע מעלה, אז זיי האבן נישט געקענט ארויפגיין אויפן בארג, דער אייבערשטער האט געהאט זיינע חשבונות, עס איז נישט כדאי, איך ווייס נישט וואס עס וועט ארויסקומען דערפון שפעטער. **עס איז א געוואלדיגע מוסר השכל פאר א מענטש, זיך אראפצולערנען אז אפילו אמאל זעהט מען א זאך וואס דער רבונו של עולם טוט, און עס טוט ווי פאר א מענטש, פארוואס יענער באקומט עס, און איך באקום עס נישט, דער אייבערשטער האט א חשבון.** ביי אלעזר און איתמר האט דער אייבערשטער אויך געהאט א חשבון. ווען ששים רבוא יודן זעהן די זילותא, די ווייטאג וואס איז דא, אז נדב ואביהוא גייען ארויף, און אלעזר מיט איתמר נישט, עס טוט ווי פאר אהרן, און עס טוט ווי פאר אלעזר מיט איתמר, אבער שפעטער ווערט מען געוואר די טובה דערפון.

**מען** געפונט ביי שלמה המלך שטייט אין פסוק (מלכים א ה-יב) וידבר שלשת אלפים משל, אז אויף יעדע זאך האט ער געהאט דריי טויזנט משלים, דאס איז דער פשוטער פשט. א'הרן א'לעזר א'יתמר הייבן זיך אן מיט א אל"ף. 'וידבר', שלמה המלך פלעגט צו זאגן, 'שלשת אלפים', די דריי אלף'ס, א'הרן א'לעזר א'יתמר, 'משל', דאס איז א משל פאר א מענטש, אז מען זאל זיך נישט ערגערן ווען א זאך פירט זיך נישט אזוי ווי ער וואלט געוואלט. די שלשת אלפי"ם, פאר אהרן האט ווי געטון, פאר אלעזר און איתמר האט ווי געטון, זיי האבן נישט געקענט ארויפגיין אויפן בארג, אבער שפעטער האט מען געזען די טובה דערפון. דאס איז א גוטער משל פאר א מענטש, זיך אראפצולערנען דערפון, אז עס דארף נישט ווי טון פאר א מענטש ווען דער אייבערשטער נעמט אמאל צו א זאך פון א מענטש, און יענער האט עס יא. עס איז דא חשבונות וואס אמאל

וועט ער געוואר ווערן די טובה, פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי געטון.

*

***יום שני פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של החתן **משה נתנאל** נ"ו בן הר"ר **פנחס דוד בראדי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמעון אליעזר קליין** הי"ו, שהתקיים באולם סלאנים.

*

***יום שלישי פרשת אמור***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **זלמן לייב בראדי** הי"ו (חתן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ולא תחללו את שם קדשי, מען טאר נישט מחלל זיין דעם אייבערשטען'ס נאמען. א יוד טאר נישט טון א זאך, אפילו עס איז נישט א לאו אין די תורה, אבער אויב עס קומט ארויס א חילול ה' פון דעם וואס ער טוט, טאר ער נישט מחלל זיין דעם אייבערשטענס נאמען. ונקדשתי בתוך בני ישראל (ויקרא כב-לב), א מצות עשה פון מסירת נפש. א יוד דארף אוועקגעבן זיין לעבן, מקדש צו זיין דעם אייבערשטענס נאמען. עס קען זיין אז עס האט א שייכות צו א ברית מילה.

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די מפרשים שטעלן זיך אויף דעם ווארט 'כשם', וואס איז דער 'כשם' שנכנס לברית. עס שטייט אין הייליגע ספרים (**תיקוני זוהר** כב סו.), אז בשעת מען מל'ט א קינד, קומט ארויף אויפן קינד צוויי שמות. איין שם מלגאו, וואס גייט אריין אינווייניג אינעם נפש, און איין שם מלבר, פון אינדרויסן. איין שם איז דער שם הוי"ה, און דער צווייטער שם איז דער שם שד"י. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ווען ער האט כורת ברית געווען, אני א-ל שד-י (בראשית יז-א). די צוויי שמות זענען שמות פון קדושה, וואס באגלייט א יוד פון ווען מען האט אים געמל'ט.

**די** צוויי שמות באטרעפן דריי הונדערט און פערציג. שד-י איז דריי הונדערט און פערצן, און דער שם הוי"ה איז זעקס און צוואנציג, צוזאמען איז עס דריי הונדערט און פערציג, אזוי ווי די מספר פון ש"ם. 'כשם' שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית, מיט די צוויי שמות וואס באטרעפן די מספר פון ש"ם, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער ווייטער אזוי אריינגיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **בישמח משה** פ' מקץ ד"ה ויאמרו), אז ווען מען זינדיגט, גייען אראפ די צוויי שמות הקדושים וואס מען האט, און עס קומען צוויי אנדערע שמות וואס איז פון די סטרא אחרא. דער שם שד-י ווערט געטוישט אויף סמא"ל, און דער שם הוי"ה ווערט געטוישט אויף שט"ן. די צוויי שמות צוזאמען איז בגימטריא פיר הונדערט און ניינציג. שט"ן איז דריי הונדערט און ניין און פופציג, און סמא"ל איז הונדערט און איין און דרייסיג, צוזאמען באטרעפט עס פיר הונדערט און ניינציג. די שמות פון קדושה איז דריי הונדערט און פערציג, און די שמות פון טומאה איז פיר הונדערט און ניינציג. בתו"ך בנ"י איז בגימטריא פיר הונדערט און ניינציג, אזוי ווי די צוויי שמות פון טומאה.

**זאגט** די תורה הק', ווען מען מל'ט א קינד, ולא תחללו את 'שם' קדשי, טו נישט מחלל זיין מיין הייליגע נאמען וואס באטרעפט ש"ם. דער שם הוי"ה מיט דעם שם שד"י, וואס דאס איז די הייליגע נאמען וואס מען באקומט בשעת דעם ברית. ונקדשתי, טוטס מיך הייליגן, בתוך בני ישראל, אז עטץ זאלטס נישט באקומען די צוויי שמות פון 'בתוך בני' וואס דאס באקומט מען ווען

מען איז נישט אין קדושה. נאר עס זאל בלייבן די צוויי שמות מיט וואס ער איז אריינגעגאנגען לברית. 'כשם' שנכנס לברית, מיט די צוויי שמות וואס ער איז אריינגעגאנגען לברית, אזוי זאל ער אנהאלטן שפעטער אויך, ווען מען גייט אריין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, ועלה למשרדו החדש של הר"ר **נחמי' פייערווערקער** הי"ו, ושל הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

***יום חמישי פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת לעפקאוויטש ע"ה (אלמנת הר"ר **חיים אלתר לעפקאוויטש** ע"ה.).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה מאיר פריעדמאן** ע"ה.

*

***שבת קודש פרשת אמור***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שמשון כ"ץ** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.